בס"ד

פרשת תולדות תשפ"ו | ר"ח כסליו | שנה ט' | גליון #149

# איבערבליק

פון די מערכות היהדות החרדית בארה"ק ובגולה
קעגן די גזירות הנוראות אויף אונזערע ברודער בארה"ק

**נדבני הגליון**

זכות הגליון:
מוה"ר **משה יחזקאל בראך** הי"ו - ק"י

מו"ה **נחום כהנא** הי"ו - ק"י
לרגל הולדות בתו למז"ט

מו"ה **חיים עהרנטאהל** הי"ו - ק"י
לרגל נישואי בנו למז"ט

מו"ה **נחמן מערמלשטיין** הי"ו - ק"י
לרגל נישואי בנו למז"ט

מו"ה **יוסף מענדל היילברוין** הי"ו - ק"י
לרגל נישואי בתו למז"ט

מו"ה **יואל מיללער** הי"ו - ק"י
לרגל הולדות בתו למז"ט

**הרוצה בעילום שמו** - ווימס"ב
למען ביטול מלכות המינית וגזירותיה

**מערכת איבערבליק:**
845.600.4047
deriberblick@gmail.com

הקול קול יעקב והידים ידי עשו:

# גיפטיגער ארטיקל ערשינען דורך 'אחד מרבני המזרחי' אינעם צייטונג פון 'דגל התורה' צו פארטושן די מוחות

## אין פארלוירענע שריט צו אנהאלטן מאמענטום ביי תמימות'דיגע נאכפאלגער

אויספירליכער אנטווארט אויף זייט #3

א סילוף אין דעם
אייגענעם דעת תורה!

# זקן ר"י פון "דגל התורה" הגאון ר' מאיר צבי בערגמאן שליט"א מיט גאר שארפע דיבורים אקעגן דעם חוק שמד הגיוס

**די קלארע רעקארדירונגען פונעם אייגענעם ראש ישיבה ווערן צעשפרייט איבער גאנץ ארץ ישראל און זייען אן א גרויסן שטורעם ווען דער אמת'ער דעת תורה פון די אייגענע גדולים קומט ארויס**

דער ראש ישיבה שליט"א דרוקט זיך אויס: **"איך פארשטיי נישט וויאזוי מען קען אפילו טראכטן פון דעם! וויאזוי מען קען אפילו רעדן פון דעם! מיר זענען נישט קיין בעלי בתים אויף די תורה! מען האט מורא וועגן געלט? לי הכסף ולי הזהב נאום ד'! עס איז אסור מסכים צו זיין! עס איז א טפשות און א רשעות, מען טאר נישט מוותר זיין אויף פופציג פראצענט און אפילו נישט אויף איין פראצענט! אלע יארן שרייען מיר פאר אונזערע קינדער אז די מיליטער איז שמד און מיר זענען יעצט מסכים דערצו?"**

צום באמערקן אז זייט דער חשוב'ער ראש ישיבה שליט"א האט גענומען אן אנדערע דירעקציע אינעם גזירת הגיוס, האט דער יתד נאמן צייטונג אים אנגעהויבן טיילווייז צו איגנארירן, און גיט אים נישט די זעלבע דעקונג ווי פאר די אנדערע גדולים, א שטייגער ווי רב הירש און רב לאנדא. פון צייט צו צייט ברענגט מען יא אראפ עטוואס פון הגרמ"צ בערגמאן'ס ווערטער, אבער אינגאנצן צענזורירט און צושטיקלט, אלעס אונטערן מאנטל פון כבוד התורה!

## טעגליכע איבערבליק
אויף דער מצב אין ארה"ק

### מיטוואך חיי שרה

ביים יום גיוס אין ירושלים האט די פאליציי זיך געפירט מיט גרויזאמע ברוטאליטעט, בפרט ווען מען האט פרובירט צו בלאקירן דעם אויטא וואס דערין זענען געזעסן די בחורים וועלכע זיי האבן געוואלט אריינפירן אין לשכות הגיוס.

די פאליציי האט ארעסטירט 2 מוחים, מיט א בלבול אז זיי האבן געשלאגן פאליציאנטן. ווי געוועהנליך האבן די ארעסטירטע באקומען אלע זייערע באדערפענישן, ווי תפילין, ברילן וכדו' פון די געטרייע עסקנים פון 'ועד אסירי ציון'. אויפצומארגנס ביים משפט האט מען זיי געוואלט פאראורטיילן צו 5 טעג תפיסה, אבער מיט סייעתא דשמיא, נאך די שווערע ארבעט פון דער לאיער פון 'ועד אסירי ציון' זענען זיי באפרייט געווארן.

אזוי אויך צום לשכת הגיוס אין טבריי' איז מען געקומען צופארן פון הר יונה. עס איז טאקע געווען א שיינער ציבור, אבער דאך ווייניג פון וויפיל עס וואלטן נאך געקענט קומען. מען האט בלויז גערעדט מיט די וועלכע זענען געקומען און געטיילט הסברה קארטלעך, און די פאליציי האט זיך אויך בלויז באנוצט מיט "שיינעם" און בלויז געגעבן א קנס פון 250 שקל פאר יעדן עקסטער, און נאך א באזונדערע קנס פאר'ן מכלומרשט ווארפן גארביטש אויפ'ן ארט. אפשר דאס מיינט "זבל פרדותיו של יצחק ולא כספו וזהבו של אבימלך", ווייל אויף די גארביטש קנסות האבן די פלשתים פארדינט אסאך געלט.

ווי געוועהנליך איז גלייך געווארן אריבערגעשיקט די אלע קנסות צו די געטרייע עסקנים פונעם 'ועד אסירי ציון' וואס זענען מטפל מיט דעם, און פון דא און ווייטער איז דאס בכלל נישט די דאגה פון די אינגעלייט, די מוסרי נפש.

אזוי אויך צום לשכת הגיוס אין באר שבע איז מען געקומען צו פארן פון דער שטאט אופקים, און מען האט אויך געזען שוידערליכע סצענעס פון שמד, אבער אין דער זעלבער צייט האט מען ב"ה אויך באוויזן צו ראטעווען פילע נשמות.

**אין ירושלים איז ווידעראמאל פארגעקומען א פאל וואו די ציווילע פאליציי האט יא איבערגעגעבן 2 יונגעלייט "ארמיי דעזערטירער" פאר דער מיליטערישער פאליציי. עס איז צום האפן אז עס איז טאקע בלויז נאך אן איינצעלנער פאל, און נישט ח"ו אז די פאליציי זאל ווייטער ארעסטירן רעכטס און לינקס.**

**די געטרייע עסקני "הצלה לאחים" פון "קרן ויואל משה" שטייען אויף דעם קעיס, צו העלפן די 2 אסירי ציון מיט אלעם.**

אין חב"ד ווערט מפורסם אויף פארשידענע ישיבות כלאים ספעציעל אדרעסירט צו בחורי חב"ד. רבני חב"ד קומען ארויס מיט בריוו אז מען זאל ח"ו נישט גיין. אין א צייט פון גזירת שמד הגיוס ווען די חברי הכנסת זענען מפקיר אידישע נשמות רח"ל, שטייען ערליכע אידן על המשמר אז קיין שום קרייז זאל ח"ו נישט ארייגפאלן אינעם צבא הטמא.

**די ירושלים'ער שטאט-ראט פאררופט א כינוס הסברה פאר די תושבי השכונה וואו עס ווערט אצינד געבויעט די רכבת הקלה, די פריצות'דיגע באן, וואו מען פרובירט מסביר זיין ווי גוט און פיין עס איז. ערליכע אידן, תושבי השכונה, שרייען אויס אינמיטן די רעדעס א העפטיגן קול מחאה, און דער גאנצער אווענט ווערט געשלאסן און צושטערט.**

## דאנערשטאג חיי שרה

שוידערליכער אורטייל ארויסגעגעבן אויף הרה"ח ר' ישראל נאמדאר צו זיצן רח"ל 14 חדשים' אין תפיסה, פון וועלכע ער איז שוין געזעסן 6 חדשים. דער נאמען מתפלל צו זיין איז ר' ישראל בן רונה.

דער 'ועד אסירי ציון' האט גלייך נאכן משפט אויפגענומען א באזונדערער אדוואקאט, וועם זיי נוצן ספעציעל אויף צו גרינגער מאכן אין טורמע, און אויף ארויסצוזען פון תפיסה וואס א טאג פריער.

ארייינצוקלינגען און לאזן חיזוק מעסעדזשעס עקסטער פאר אים און עקסטער פאר בני משפחתו איז: 011-972-331-35003

ציון הלא תשאלו לשלום אסיריך.

**כלל ישראל פאלגט נאך מיט אנגסט דעם אויסגאנג פונעם משפט פונעם גיבור החיל ר' אלעזר צדוק קויפמאן וואס זיצט שוין 110 טעג פון די 200 טעג! דער ועד אסירי ציון ארבעט איבערמידליך צו אראפנעמען א דריטל פון די צייט וואס ער דארף זיצן, מען האפט אז בזכות די תפילות פון כלל ישראל וועט יא אראפגיין א דריטל דערפון.**

די שטאט בני ברק איז געווען גוט באהאנגען מיט צעטלעך און גרויסע פלאקאטן אקעגן דעם גזירת הגיוס און קעגן די חרדי'שע כאפערס, די חברי הכנסת. און

ווער האט עס אראפגעריסן? די "שטייער-באצאלטע שטאטישע ארבייטער" פון עיריית בני ברק! אויב וואוינט איר אין בני ברק און איר צאלט שטייער, זאלט איר וויסן אז מען נוצט אייער געלט צו רייסן צעטלעך, און בעט א טעקס ריפאנד!

**עס ערשיינט א קול קורא מיט חתימת ידם פון תלמידי חכמים מופלגים איבערן חוק הגיוס אז עס איז אסור צו שטיצן סיי וועלכע חוק וואס איז מפקיר אפילו איין נפש מישראל.**

**א קורצע צייט שפעטער ערשיינט א צוריקציאונגס-בריוו פון איין חותם וואס שרייבט אז אין די ענינים קענען נאר ארייינרעדן די זקני ומנהיגי הדור.**

**אבער נישט א שטייגער ווי ר' משה צדקה, ר' מאיר צבי בערגמאן און חכם יצחק יוסף! נאר די וועלכע זאגן ממש נאך גפני מיט דרעי.**

## מאנטאג תולדות

די פאליציי מעלדט איבער שטרענגערע וואך ארום די הייזער פון די חברי הכנסת וואס זענען אין א "געפאר" צוליב די מחאות ארום זייערע הייזער. עס פארשטייט זיך אז די נייעס ארום די 24 שעה שמירה פארשטערקערט נאר די ברענענדיגע טעמע פונעם געפלאנטן חוק הגיוס שלא יצא לפועל ח"ו.

**דער ראש הממשלה שר"י האט א דרינגענדע באגעגעניש מיט די חרדי'שע חברי הכנסת און פאדערט אויף א באלדיגע חוק הגיוס ביז 24 שעה, כדי די חברי הכנסת זאלן זיין אונטער דרוק!**

דער אסיר ציון הר"ר יהושע בן יעל דדן איז ענדגילטיג אנטשפראכן געווארן צו באפרייט ווערן אום חודש שבט הבעל"ט. למעשה באגייט מען זיך מיט אים מורא'דיג ברוטאל ווען ער באקומט נישט געוויסע רעכטן. נא להעתיר בעדו! והן קל כביר לא ימאס בתפלת רבים!

## מיטוואך חיי שרה: יום גיוס רח"ל

ווי שוין באריכטעט פארלאפענע וואך, איז מיטוואך חיי שרה פארגעקומען א 'יום גיוס' וואו פילע בחורים זענען ליידער געקומען אפיציעל ארייינצופאלן אין מיליטער ה"י.

צום באטאנען: ווען די חרדי'שע פארזארגער, די שלוחי דרבנן, די חברי כנסת און די חרדי'שע צייטונגען וואלטן באמת געמיינט די טובה פון כלל ישראל, וואלט מען ביי דעם עצרת המיליאן געדארפט אויסרופן א העפטיגן ווידערשטאנד קעגן סיי וועלכע ארייינטריט אין לשכת הגיוס, און אוודאי קעגן ארייינגיין אין מיליטער. די המודיע און יתד נאמן וואלטן געדארפט האבן מודעות אז עס איז א סכנה צו ארייינפאלן אין מיליטער. די פילע כוחות וואס מען לייגט אריין ביום הבחירות אין אלע עקן לאנד צו כאפן נאך א שטימע און נאך א שטימע, באגלייט מיט א סטראשע אז ווען מען וועט ערהאלטן א "צו גיוס" וועט מען צוריקטראכטן "איפה הייתי ביום הבחירות" - איז יעצט! איר האט שוין ערהאלטן זייער שטימע, איר זיצט שוין אויפ'ן בענקל, און... וואו איז אייער הבטחה?

פראקטיש גערעדט, אויב דער בחור גייט אין צה"ל וועט ער שוין מער נישט וועלן פאר א פרומע פארטיי! צי ארט אייך נישט צו פארלירן די אלע שטימעס?

אויף וואס פונקטליך האט מען מתפלל געווען און געזאגט אבינו מלכנו? פון וועלכן בוחר הרע במיעוטו רעדט מען אין די דאזיגע טעג צו די ליטווישע גדולים? אויף "150" שומרי תורה ומצוות וואס האבן זיך רח"ל מתגייס געווען ביום ד' פ' חיי שרה תשפ"ו?

ווען גייט איר ערקלערן 'עד כאן'? נאר ווען דער בחור לערנט אין עטרת שלמה?

וואו זענט איר ביים יום הגיוס? פארוואס קומט נישט דער סלאבאדקער ראש ישיבה זאגן א שיעור פארנט פונעם לשכת הגיוס?

צי וועט נאך זיין וועמען צו ראטעווען?

און ווער קומט יא ראטעווען? די יהדות החרדית הנאמנה וואס גייט בכלל נישט צו קיין בחירות, וועלכע וועלן קיינמאל נישט ערווארטן עפעס א טובת הנאה פון די איינוואוינער פון "באר שבע" און "מעלה אדומים".

זיי שטייען אינדרויסן און זענען פשוט מסביר פארן בחור: "דו האסט נישט פון וואס מורא צו האבן, קום, מיר האבן א מאסיווע 'הצלה מגיוס' אפאראט, וואס נעמט אריין: מרכז הצלה, הצלה לאחים, יד להושיע, א גאנצע מערכת פון קרן ויואל משה, לויערס, חיזוק, א באזע פון עסקני אחים אנחנו וכו'. דער עיקר האב נישט מורא!"

און וואס נאך טוען די חשובע אידן פאר די אומשולדיגע בחורים? זיי שטייען און ווערן צובייעלט און צושלאגן, די הוטן און רעקלעך צופליקט און צוריסן, די קעפ צובלוטיגט, די בערד און פיאות געריסן, די הענט געקייטלט. אלעס, אלעס, פארוואס? צו ראטעווען אידישע נשמות!

בשעת ווען די חברי כנסת מ. פרוש, י. אייכלער, אזולאי און אשור זיצן מיט די שיינע הוטן און לאנגע רעקלעך מיטן "גארטל" געקניפט אינעם "דעפענס מיניסטעריום - ועדת החוץ והבטחון" און זענען דן וויאזוי צו אקעגנקומען דעם 'ביבי טוב ליהודים' דעם ראש הכופרים שר"י, און דערנאך ווען דער מיטינג ווערט געשלאסן, און די יראים ושלמים האבן זוכה געווען צו ראטעווען נשמות ישראל פון שמד, און די חרדי'שע "רוסישע כאפערס" קומען אהיים מיט די שיינע אויטאס און גלאנציגע בגדים, האבן זיי די חוצפה צו אנרופן די ערליכע אידן אלס שלעגערס, שונאי ישראל, מחללי ה', רוממות אהבת ישראל בגרונם וחרב פיפיות בידם.

וויפיל מען וועט שרייבן אקעגן זיי וועט במילא נישט גענוג זיין, און וויפיל מען וועט מוחה זיין אקעגן זיי וועט אויך ווייניג זיין. דער עיקר איז אז א יעדער זאל זען אז די חברי הכנסת זענען פולקאם גרייט אינגאנצן אפצו'שמד'ן "האלב כלל ישראל" בעד בצע כסף. (אזוי ווי דער באקאנטער אויסדרוק פון א גאון ות"ח וואס האט געזאגט אז מען קען אים פארהערן 'האלב ש"ס', און אויסגעפירט אז מען קען אים פארהערןביידע האלבע) און אויף אונז ליגט א חוב צו ראטעווען דעם אויבערשטנ'ס קינדער עד לביטולה של רוע הגזירה בקרוב.

## אויפן פראנט
## גזירת 'גיוס בנות'

בחסדי ה', פון זונטאג חיי שרה ביז היינט דינסטאג תולדות, האט בנות מלך פארשאפט 91 פטור'ס פאר מיידלעך וואס האבן זיך פארפלאנטערט! צולייגנדיג נאך איין און ניינציג סוקסעסן צו די 10,948 (!) פטור'ס וואס בנות מלך האט ערלעדיגט זינט איר גרינדונג מיט 6 יאר צוריק.

א שיינער חלק פון די פטור'ס מיט זייערע פרטים זענען דברים שהשתיקה יפה להם, אבער געציילטע עפיזאדן פון די וואך וועלן מיר דא איבערגעבן לויט ווי מיר האבן געהערט פון אן עסקן פאר בנות מלך:

**בנות מלך באקומט א טעלעפאן רוף פון איינע פון די איינגעשטעלטע אין סאטמאר מיידל סקול אין ירושלים, אז נאכן אריינשיקן די תצהיר דת פאר אלע מיידלעך וואס ווערט אריינגעשיקט דורך דער סקול, האט איין מיידל נישט באקומען איר פטור. און היות די געציילטע חדשים וואס מען קען דאס ערלעדיגן איז שוין אדורך, הייסט די מיידל א משתמטת און מען קען איר ארעסטירן יעדע רגע. פארשטייט זיך, בנות מלך מיט זייער עקספערטיז האט תיכף פארשאפט א פטור פאר דער מיידל.**

**בדרך אגב, מאכט זיך לעצטענס אסאך פעלער וואס דער מיליטער פארלירט מיסטעריעז פאפירן פון מיידלעך, וואס דאס איז גורם א געוואלדיגע עגמת נפש פאר די מיידלעך און מאמעס. עד כדי כך אז פאר ראש השנה איז א מיידל געזעסן אין תפיסה רח"ל צוליב וואס דער מיליטער האט געלייקנט אז זיי האבן ערהאלטן די פאפירן. דאס איז א חוץ דעם וואס דער מיליטער האט לעצטענס געטוישט פאליסי און גיט בלויז געציילטע חדשים פאר א מיידל צו ערלעדיגן אירע פאפירן ביז זי הייסט א משתמטת, וואס ביז לעצטענס האט מען געהאט צוויי יאר צייט.**

א פרוי, אן אלמנה, קלינגט היסטעריש אריין צו בנות מלך אז איר טאכטער דארף יעצט ערלעדיגן איר פטור און די מיידל איז אדורכגעגאנגען א שווערע עקסידענט ל"ע וואס האט איר אריינגעווארפן אין א שווערע טראומא. הגם פיזיש איז זי געזונט, איז זי גייסטיש ווייט נישט מסודר און די מיידל וויל בשום אופן נישט קאאפערירן און אונטערשרייבן אירע פאפירן פאר א פטור. דא זענען נאך געבליבן געציילטע טעג און אן איר אונטערשריפט קען מען זיך נישט רירן. בנות מלך האט גענומען דעם קעיס מיט אן ערנסטן שטאפל און פאררופן אן אסיפה מיט עטליכע לויערס, ווייל היות די מיידל קאאפערירט נישט, מאכט דאס דעם קעיס זייער קאמפליצירט. מען האפט צום אייבערשטן איר צו האבן א פטור ווי שנעלער אי"ה.

**א מיידל קומט צוגיין צום לשכת הגיוס, ווילנדיג אריינגיין ערלעדיגן איר פטור ווייל די מיליטער האט איר געהייסן אראפקומען, אנדערש קען זי עס נישט באקומען. די מתנדבות פון בנות מלך וואס שטייען אינדרויסן פון לשכת הגיוס פרובירן משכנע צו זיין די מיידל ח"ו נישט אריינצוגיין אינעווייניג און האבן איר מסביר געווען אז אינעווייניג גייט זי זיך אסאך מער פארפלאנטערן. די מיידל האט זיך נישט געלאזט, האט מען זיך פארבינדן מיט איר מאמע, און ווען דאס האט נישט געהאלפן, האט מען זיך פארבינדן מיט דער מנהלת פון איר סקול וואס האט איר געהייסן תיכף איבערגעבן די פאפירן פאר בנות מלך, וועלכע האבן עס מסדר געווען עצהיו"ט.**

בנות מלך האט, חוץ די מתנדבות וואס שטייען טעגליך ביי אלע לשכות הגיוס, א שטאב פון 25 ארבעטער וואס געבן זיך אפ מיט די פילע קעיסעס ביז צו זייער סוקסעס אי"ה. דאס איז א חוץ איין לויער וואס ארבעט אגאנצן טאג בלויז פאר בנות מלך און נאך עטליכע וואס ווערן אריינגעברענגט ביי שווערערע קעיסעס, וואס קאסט אפ חודש'ליך קרוב צו 50 אלפים!

קויפט אפ א זכות נפש אחת פאר די סכום פון $500. רופט אריין צום אויטאמאטישן סיסטעם אויף 845-366-2793 פין נומער 1438#, אדער קענט איר שיקן צו אונזער טעקס איי. די. 392880836.

# גיפטיגער ארטיקל

אינעם דינסטאג'דיגן נומער פונעם ליטווישן דגל התורה צייטונג יתד נאמן וואס ערשיינט בחנם אין כסף, קומען די חברי הכנסת און זייערע העלפער ארויס מיט א שרייענדיגן קעפל פון די פרשת השבוע "הקול קול יעקב והידים ידי עשו" אונטער'ן מכלומר'שטן טיטול "מאמר אחד הרבנים".

דארטן ווייטאגט דער שרייבער אויף 4 שרעקליכע ערשיינונגען פון די לעצטע פאר וואכן:

**1) אלימות, געוואלדטאטן!** - וואס זענען די אלימות? פאשקעווילן און מודעות איבער די גאסן אקעגן די חברי הכנסת, אזוי אויך די אויסגעשאסענע שויבן פון דעם אויטא פונעם ח"כ וואס איז געווארן אויסגעהאקט מוצ"ש.

**2) חילוקי דיעות בדרך כבוד!** - דער שרייבער פרעגט "היתכן?! אויב הרה"ק מ'סאטמאר מיט הגר"א קאטלער האבן געקענט האבן חילוקי דיעות בדרך כבוד, פארוואס קענען נישט די מתנגדי חוק הגיוס זיך אויפפירן מיט דעם זעלבן רעספעקט?"

**3) הצלת הספרדים!** - דער שרייבער איז מסביר אז אנדערש ווי די מתנגדי החוק זענען מפרסם אז די ספרדי'שע אידן וועלן ווערן גענוצט צו אנפילן די 50% פונעם גיוס געזעץ, איז פשוט פונקט פארקערט! דער געזעץ וועט ראטעווען די ספרדים! וויאזוי? ווייל די בחורים פון פאנעוויזש און עטרת שלמה וועלן דאך זיכער סייווי נישט גיין אין מיליטער, און דער געזעץ וועט פשוט באשיצן די ספרדים. וויאזוי? מיר ווייסן נישט! - צי דער יתד נאמן מאכט ליצנות פון זיך אליינס אדער פון די ליינער, איז דערווייל אומבאקאנט.

**4) דעת תורה!** - דא קומט דער שרייבער צום עיקר: "מענטשן וואס קענען נישט הלכות נטילת ידים און פשוט'ע הלכות פון או"ח קענען נישט אריינרעדן אין די ענינים. דאס באלאנגט בלויז פאר גדולי תורה." און די שאלה פרעגט זיך: הגאון ר' מאיר צבי בערגמאן שליט"א, הגאון ר' משה צדקה שליט"א, להבחל"ח הגאון ר' שמואל אויערבאך זצ"ל און אלע גדולי אדמור"י החסידות שליט"א און די גדולי ראשי הישיבות פון לעיקוואוד שליט"א וואס האבן משמיע געווען דעת תורתם אז סיי וועלכע הסכמה אינעם חזיר איז אסור, צי זיי קענען נישט הל' נטילת ידים?

צי איז טאקע דער אויבנאן פון די רבנים בלויז רב הירש און רב לאנדא? און אויב זיי וועלן אויך נישט זאגן פונקטליך וואס גפני וויל הערן, וועלן זיי שוין אויך פארגעסן הל' נטילת ידים?

און אפשר מיינט גאר "נטילת ידים" דאס וואס מען זאגט אינעם הספד אויף א יעדן גנב וגזלן וואס מען וויל מספיד זיין בדרך כבוד "לא הלך ד' אמות בלי נטילת ידים"?

און בנוגע "דרך כבוד" פון רביה"ק מסאטמאר זי"ע און דעם לעיקוואודער ראש ישיבה הגר"א קאטלער זצ"ל, וואו איז געווען 'דרך כבוד' ווען די כבוד פון ר' שמואל אויערבאך און פון זיינע תלמידים זענען געווען און זענען נאכאלץ גע'רודפ'ט און פארשעמט, צוגענומען פרנסות, קופת העיר דבני ברק האט זיי נישט געגעבן קיין פרוטה וכו' וכו'.

וואס מען נעמט ארויס פונעם ארטיקל איז איין זאך: דער דעת הקהל איז היבש געטוישט, ביי די אייגענע מענטשן זענען דא ספיקות און וואקלענישן, מען דארף ראטעווען די אייגענע חברה, און עס איז דער האפענונג אז זממם בל תפק, און די רוסישע כאפער'ס וועלן נישט מצליח זיין!

אבער "ואחרי ככלות הכל" ווילן מיר פרעגן לשיטתם פון די חברי הכנסת נאך איין שאלה: דאס זענט איר מודה אז אינעם נייעם חוק איז דא א יעד, א ציל, פון 50% חרדי'שע בחורים! וואס ענטפערט איר אויף די פראגע "פיין, ווי גייט מען נעמען אזוי פיל בחורים אין מיליטער?"

הא? כ'הער גוט? מחללי שבתות וחייבי כריתות! אָה, דאס הערט זיך גאנץ לאגיש, אז ער איז במילא א מחלל שבת זאל ער שוין גיין אין מיליטער אנשטאט דעם פאנעוויזשער מתמיד'ל.

הגם להלכה איז נישט אזוי אין דוחין נפש מפני נפש, אבער איר האט דאך מילא די תורה אין די הענט.

אבער דא ווילן מיר פרעגן: פון וואו איז ארויסגעוואקסן צווישן כלל ישראל אין אזא קורצע תקופה אזויפיל טויזנטער מחללי שבתות? פארוואס ביז תשנ"ט איז דער עולם התורה געוואקסן אלץ מער און מער, און דא פלוצלינג זענט איר אזוי זיכער אז עס גייט יעדע יאר זיין 5,000 מחללי שבתות עווילעבל?

פארוואס ווען דער עולם התורה איז געפירט געווארן דורכ'ן סטייפלער גאון און רב שך איז עס בלויז געוואקסן, נאך באלד מער פון די חסידים, און פונקט אונטער די יארן פון רב שטיינמאן, רב איידלשטיין, רב לאנדא, און רב הירש ווערט עס ממש מצטמק והולך?

פארוואס רודערט איר נישט אויף א וועלט איבער דעם מאסשטאבליכן חילול שבת וחיוב כריתות? פארוואס קען נישט רב גרוסמאן פון מגדל עמק עפעס טאן פאר די 5,000 נשמות פון תשפ"ו, 5,200 נשמות פון תשפ"ז, און 5,800 נשמות פון תשפ"ח? פארוואס קען נישט ארגון 'צוהר' פון בעלזא אריינשיינען א ליכטיגקייט אין די "50,000" צוקונפטיגע שאבאבניקעס?

אבער דער אמת איז: אין כאן לא מחלל שבת ולא חייב כרת! עס זענען דא טייערע ליכטיגע נשמות מיט וועמען מיר האבן כורת ברית געווען בהר גריזים ובהר עיבל "ארור לוקח שוחד להכות נפש דם נקי"! און בזכות דעם התנגדות און מערכה אקעגן דעם חוק הגיוס וועלן מיר אלע זוכה זיין צום "ברוך אשר יקום את דברי התורה הזאת ואמר כל העם אמן".

# אנה אני בא מצערו של אבא?

## הארצרייסענדער רוף פון בענקעדיגן פאטער צו כלל ישראל

ג' תולדות תשפ"ו

**היינט ווערט 120 טעג וואס מיין באליבט קינד אלעזר צדוק בן ליבא גיטל מרים שמאכטעט אין דעם ציוניסטישן מיליטערישן טורמע פאר זיין הארבן פארברעכן ווייל ער וויל זיך נישט שמד'ן!**

- גאנצע 120 טעג וואס ער זיצט אין א פארשטינקענעם לאך (בידוד) ווייל ער וויל נישט חלילה דארפן שטיין און באגריסן און אויספאלגן די פרויען סאלדאטקעס וואס זענען פארהאן אין דער אפענער תפיסה.
- גאנצע 120 טעג אפגעהאקט פון זיין ווייב און קינדער, משפחה, חברים, קהילה פאר כבוד שמים.
- גאנצע 120 טעג וואס ער דאווענט מיטן רבוש"ע אליין אן קיין מנין, קריאת התורה, מקוה, און אלעס וואס א איד דארף.
- גאנצע 120 טעג וואס די רשעים פייניגן אים, טאג איין טאג אויס. יעדעס מאל מיט אנדערע סארטן טאקטיקן וואס זיי פרובירן אים צו ברעכן.
- גאנצע 120 טעג וואס ער רופט אויס "יהודי אינו ציוני! - אן ערליכער איד וואס גלייבט אין די תורה קען נישט דינען אין אייער מיליטער".
- גאנצע 120 טעג וואס ער איז מחזק די אנדערע שוואכע בחורים וואס זענען אריינגעפאלן אין מיליטער און קומען אן אין טורמע, וואו ער געבט זיי דעם מוט צו בלייבן שטארק.
- גאנצע 120 טעג וואס ער שרייט אויס "אייער שטראף פון שיקן אין לאך דערשרעקט אונז נישט", ווי מען זעט אז יעדע פאר טעג פרובירן זיי אים ווייטער משכנע זיין ער זאל ארויסקומען פון לאך (ווייל עס צוברעכט דעם פחד פונעם שטראף, ווען א לאנגע תקופה איז געווען כמעט אלע צעלן פון דעם לאך פול).
- גאנצע 120 טעג וואס כלל ישראל רייסט איין פאר אים און פאר די אנדערע אסירי ציון זאלן ארויסגיין מאפילה לאורה. אריבער א ראש השנה, יום כיפור, סוכות, הושענא רבה, שמחת תורה, שבתים, ווען ער איז אליין פארשלאסן אונטער גראטעס, מיטן רבוש"ע אליין, און מיט דעם חיזוק פונעם גאנצן יהדות החרדית.

אזוי ווי מיר שטייען וויינעגער פון צוויי וואכן וואס אויב ער באקומט א שליש - ס'איז דא פעלער וואס מען נעמט אראפ א שליש פון דעם אורטייל ווייל ער האט זיך אויפגעפירט גוט - דארף ער ארויסקומען, און די רשעים ברוב רשעותם ווילן נאכנישט זאגן אויב זיי לאזן אים ארויס, אדער חלילה לאזן די גאנצע 200 טעג.

טוען מיר בעטן פון אלע ידידים צו מתפלל זיין "שלא ינוח שבט הרשע על גורל הצדיקים" און ער זאל ארויסקומען במהרה מאפילה לאורה, אן קיין שום צער און עגמ"נ פאר ערליכע אידן.

אזוי ווי מיר האפן אז ער וועט טאקע ארויסגיין אין די קומענדיגע צוויי וואכן, אויב האט איר א בקשה וואס איר ווילט אז



מיין זון דער אסיר ציון, דער מוסר נפש, זאל מתפלל זיין פאר אייך אויף א ישועה, קענט איר אונז לאזן וויסן ווי שנעלער האפנדיג אז מיר זאלן אים דאס קענען איבערגעבן.

**אזוי אויך אויב ווילט איר האבן דעם זכות צו מחזק זיין אים און זיין משפחה קענט איר אונז שיקן א תמיכה און מיר וועלן אים דאס איבערגעבן.**

מיר פרייען זיך אייך צו לאזן וויסן אז דער אסיר ציון האט באקומען ברוך השם א פטור פון דארפן דינען אין מיליטער (ער האט דאס שוין באקומען א תקופה צוריק, נאר יעצט האט ער דאס באקומען דאקומענטירט) פארן זיין אן ערליכער איד וואס פאסט נישט אין זייער טריפה'נעם מיליטער - לפי לשונם "פטור בגין התנהגות רעה וחמורה".

אזוי אויך, אזוי ווי ביי אונז אין תלמוד תורה האט מען די לעצטע וואך געפראוועט א גרויסן מעמד פון חלוקת הפרסים פאר די קינדער וואס האבן גע'חזר'ט און זיך פארהערט א גאנץ יאר אויף די לימודים, וואס אין דעם איז אריינגערעכנט גאנץ בבא קמא און א חלק פון בבא מציעא גאנץ משניות סדר מועד און נאך, האבן די קינדער פון תלמוד תורה מיר מכיר טובה געווען פארן זיין זייער מנהל רוחני און געזונגען א ניגון לכבוד מיין זון.

**לאמיר האפן אז זייער קליפה זאל נישט אנהאלטן די קומענדיגע טעג אויך נישט, און בקרוב זאלן מיר נתבשר ווערן בישועתן של ישראל, ותמלוך אתה ה' לבדך וכל הרשעה כולה כעשן תכלה.**

בכבוד רב,

*אברהם קויפמאן - חומת יהושע*

917-724-2371






נייער ווענדפונקט אינעם חוק הגיוס:

# העפטיגע מחאות און הפגנות פארנט פון די הייזער פון די חברי הכנסת וואס זענען פאראנטווארטליך אויפ'ן נייעם חוק הגיוס

במשך די גאנצע וואך פ' חיי שרה און פ' תולדות זענען פארגעקומען גרויסע פראטעסטן סיי ביים ח"כ י. אשר און סיי ביי אלע אנדערע מפשרים און חרדי'שע מיטהעלפערס. עטליכע ארעסטן זענען פארגעקומען קעגן די מוסרי נפש וועלכע האבן אויסגעשריגן דעם ווי געשריי און זענען באפרייט געווארן דורכ'ן ועד אסירי ציון.

א העפטיגער פראטעסט איז פארגעקומען מוצ"ש חיי שרה ווען א ח"כ איז אנגעקומען ביי א שיעור תורה, און דער ציבור, אסאך דערפון ספרדים, האבן אים אפגעווארט. כדי אדורכצוגיין האט ער גערופן פאליציי, און עס האט אויסגעבראכן מהומות פון וואס זיינע פענסטערס פונעם אויטא זענען געווארן אויסגעשאסן, און די גאנצע פרעסע, פונעם ראש ממשלה ביז אראפ, איז געווען פארנומען מיט די שוידערליכע אלימות אקעגן רעגירונג'ס באאמטע!